**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2023/24/04 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט דאס עפענונג פון א סטעיט פאסיליטי אוועקצולייגן געשלעכטליכע איבערפאל באווייזן זאמעל קיטס וואס זענען נאך נישט ארויסגעגעבן געווארן צו די געזעץ היטערס**

***פארזיכערטע סטארידזש גיט איבערלעבערס פון געשלעכטליכע איבערפאלן די מעגלעכקייט צו באקומען מעדיצינישע הילף, מסכים זיין צו זאמעלען באווייז און צייט מחליט זיין צו זיי ווילן איינגעבן א פאליציי רעפארט***

***סטעיט אפיס פון קרבן סערוויסעס שטעלן אוועק דעם פאסיליטי אויסצופאלגן דעם סטעיט געזעץ וואס פארלאנגט אז קיטס וואס זענען נישט באריכט געווארן זאלן ווערן געסטארט פאר 20 יאר פונעם דאטום פון דער זאמלונג***

***גאווערנער האוקול באפעלט סטעיט לענדמארקס צו ווערן אויפגעלאכטן אין בלוי, גרין און פערפעל היינט אויף דער נאכט, אפריל 24***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן די עפענונג פון א סטעיט פאסיליטי אוועקצולייגן געשלעכטליכע איבערפאל באווייזן זאמעל קיטס וואס זענען נאך נישט ארויסגעגעבן געווארן צו די געזעץ היטערס. פארזיכערטע סטארידזש גיט איבערלעבערס פון געשלעכטליכע איבערפאלן די מעגלעכקייט צו באקומען מעדיצינישע הילף, געבן די הסכמה צו זאמעלען פארענזישע באווייז און צייט מחליט זיין צו זיי ווילן איינגעבן א באריכט צו די פאליציי. סטעיט אפיס פון קרבן סערוויסעס שטעלן אוועק דעם פאסיליטי אויסצופאלגן דעם סטעיט געזעץ וואס פארלאנגט אז קיטס וואס זענען נישט באריכט געווארן זאלן ווערן געסטארט פאר 20 יאר פונעם דאטום פון דער זאמלונג. קאפיטאל ראיאן, מאהאוק וועלי, און מערב ניו יארק שפיטעלער זענען די ערשטע צו לאזן די איבערלעבערס וויסן אז זייערע קיטס וועלן ווערן איבערגעפירט און ווי אזוי זיי קענען דאס טרעקן. שפיטעלער אין דער סטעיטס איבעריגע ראיאנען וועלן נאכגיין דעם פראצעס אין די קומענדיגע מאנאטן.

"ניו יארק סטעיט בלייבט איבערגעגעבן צו שטיצן איבערלעבערס פון געשלעכטליכע איבערפאלן אויף יעדן מעגלעכן אופן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די נייע סטעיט פאסיליטי וועט זיין א קריטישע מיטל צו העלפן איבערגעבן שטיצע און יוסטיץ, בשעת'ן צושטעלן א שטארקן יסוד פון קרבנות זיי צו היילן און אוועקנעמען טייל פונעם דרוק וואס זיי קענען פילן ווען עס קומען די לעגאלע צייטליניעס."

"די פאסיליטי וועט געבן פאר די איבערלעבערס די געלעגנהייט צו פראצעסירן וואס האט פאסירט און מאכן החלטות פאר זייער צוקונפט אויף זייער אייגענע טערמינען," **האט לוטענענט גאווערנער אנטוניאו דעלגאדא געזאגט.** "מיר זענען איבערגעגעבן צו שטיצן איבערלעבערס און פארזיכערן אז זיי האבן די רעסורסן, שטיצע, און א פולן גרייך פון סערוויסעס און אפציעס גרייט פאר זיי ווען זיי הייבן אן דעם אויסהיילונג פראצעס. דאס איז א געוואלדיגע שריט פאראויס פאר ניו יארק און פאר די רעכטן פון די איבערלעבערס."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון קרבן סערוויסעס דירעקטארין עליזאבעט קראנין האט געזאגט,** "צוטריט צו צייטלעכע מעדיצינישע הילף נאך א געשלעכטלעכן איבערפאל איז קריטיש. עס ערלויבט איינעם צו זוכן היילונג און מעדיצין, און אנדערע סערוויסעס און שטיצע וואס קען זיי העלפן מחליט זיין צו זיי רעפארטן דעם פאסירונג פאר די פאליציי. אויב זיי זענען נישט גרייט ארייננצומישן די קרימינעלע יוסטיץ סיסטעם, טוט דאס אוועקלייגן די פארענזישע און אנדערע באווייזן פארמערן זייערע אפציעס, און די פארזיכערטע סטארידזש פון די קיטס ערלויבט זיי די צייט און פלאץ צו דעצידירן די נעקסטע טריט וואס איז אמבעסטן פאר זיי."

דירעקטארין קראנין האט זיך משתתף געווען מיט אנדערע סטעיט קאלעגעס, מעדיצינישע פראפעסיאנאלן, קרבנות אדוואקאטן, געזעץ היטערס, און אנדערע פראפעסיאנאלן אין אלבאני מעדיקעל צענטער היינט אנדערפרי זיך אדורכשמועסן די פאסיליטיס אפעראציעס און צו אויסלערנען די איבערלעבערס אז שפיטעלער מוזן מאכן א קאארדענירטע באמיאונג זיי צו רופן איידער זייערע קיטס ווערן איבערגעפירט. די נאטיפיקאציע ערלויט די מענטשן צו דעצידירן אויב זיי ווילן איבערפירן זייער קיט צו דער פאסיליטי, לאזן וויסן געזעץ-היטערס וועגן דעם וואס האט פאסירט, אדער מסכים זיין אז זייער קיט זאל ווערן ארויסגעווארפן. שפיטעלער איבער דער סטעיט האבן בערך 10,000 קיטס אין סטארעדזש.

עס געפונט זיך אין דעם קאפיטאל ראיאן, איז דער פאסיליטי פארזיכערט, קלימאט קאנטראלירט, און אויסגעשטעלט צו פארזיכערן די ארענטלעכקייט פון דעם פאטעציעלן באווייז. עס האט אנגעהויבן אנצונעמען קיטס אין מיטן יאנואר 2023, און ביז היינט צו טאגן האבן אלבאני מעדיקל צענטער און עלענס פאלס שפיטאל,ביידע מעמבערס פון דער אלבאני מעד העלט סיסטעם, איבערגעפירט 525 זאכן צו דער פאסיליטי: 277 געשלעכטלעכע איבערפאל באוויז זאמעל קיטס, 83 דראג-גורמ'דיגע סעקסועלע אטאק קיטס און 165 אנדערע זאכן אזוי ווי קליידער און בעטגעוואנט. די פאסיליטס יעצטיגן אינהאלט איז 17,400 זאכן און ווען זיך פארמערן צו 26,600 זאכן איינמאל די רעמאנד פון נאך א פליגל וועט זיך פארענדיגן.

איידער מען שיקט די קיטס צו דער פאסיליטי, דארף דער שפיטאל שטאב ווערן טרענירט אויף דער עלעקטראנישע סיסטעם פון איינשרייבן און טרעקן די קיטס און נאך אנדערע זאכן און דער קרבן נאטיפיקאציע טייל פון דער סיסטעם. אפיס פון קרבן סערוויסעס שטאב לערנען אצינד אויס דעם שפיטאל שטאב אין דעם קאפיטאל ראיאן, מאוהאק וועלי, און מערב ניו יארק ווי אזוי איבערצופירן די קיטס און אנדערע זאכן צו דער פאסיליטי און לאזן וויסן די איבערלעבערס. דער שפיטאל שטאב אין צענטראל ניו יארק, לאנג איילענד, און דיר צפון קאנטרי פלאנירן צו ווערן טרענירט אין מאי. אפיס פון קרבן סערוויסעס וועט טרענירן דעם שפיטאל שטאב אין ניו יארק סיטי אין אוגוסט, און זיי וועלן טרענירן דעם שפיטאל שטאב אין די פינגער לעיקס, מיטל הודסאן און דרום שטאפל אין נאוועמבער.

גאווערנער האוקול האט אויך באפוילן די פאלגנדע סטעיט לענדמארקס צו ווערן אויפגעלאכטן אין בלוי, גרין און פערפעל היינט אויף דער נאכט, אפריל 24, צו אנערקענען די נאציאנאלע פארברעכעריי קרבנות רעכטן וואך און צו ערן קרבנות און איבערלעבערס און אנערקענען די פראפעסיאנאלן וואס שטיצן זיי:

- וואן ווארלד טרעיד צענטער
- גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק
- קאַסיאָסקאָו בריק
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדזשוקעישען געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע

- עמפייער סטעיט פלאזא
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט אריינגאנג טויער און עקספא צענטער
- ניאגארא וואסערפאלן
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד אריינגאנג
- MTA LIRR - מזרח זייט טויער ביי פען סטאנציע
- פעירפּאָרט ליפט בריק העכער די ערי קאנאל
- מויניהאן באן האל

**ניו יארק סטעיט אפטייל פון קרימינעלע יוסטיץ סערוויסעס קאמישינערין ראסאנא ראסאדע האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט טוט ווייטער אנפירן מיט קרבן סערוויסעס און פובליק זיכערהייט. איך בין שטאלץ פון מיין שטאב'ס ארבעט צו העלפן פארזיכערן אז מעדיצינישע פראפעסיאנאלן זאלן האבן רעסורסן און טרענירונג צו צושטעלן גוטע קוואליטעט, מיטליידנדיגע קעיר פאר מענטשן אין נויט. די וויכטיג פראיעקטן געבן איבערלעבערס די מעגלעכקייט צו מאכן החלטות וואס טויגן פאר זיי, און זיי ערלויבן צו בלייבן אינפארמירט נישט קוקנדיג צו זיי קלייבן אויס אריינצומישן די קרימענעלע יוסטיץ סיסטעם."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט צייטווייליגער קאמישאנער דר. דזשעימס מקדאנעלד האט געזאגט,** "עס איז אזוי וויכטיג אז איבערלעבערס באקומען די צייט, מיטלייד און גייסטישע שטיצע וואס זיי דארפן האבן זיך צו היילן פון די טראומאטישע פאסירונגען וואס קענען אימפאקטירן יעדע הינזיכט פון זייער לעבן. איך דאנק גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדיגע פירערשאפט וועגן דעם ענין, און איך לויב דעם אפיס פון קרבן סערוויסעס פאר דער ארבעט וואס זיי טוען צו מאכן איבערלעבערס פילן פארזיכערט און אויסגעהערט."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס צייטווייליגע קאמישאנערין, סוּזען מיילס-גוּסטאַוו, האט געזאגט,** "דאס וויכטיגקייט פון דער פאסיליטי קען מען זיך נישט גענוג אויסדרוקן. איבערלעבערס פון געשלעכטליכע איבערפאל האבן דאס רעכט צו זוכן באלדיגע מעדיצינישע הילף, און מוזן באקומען די נייטיגע צייט און פלאץ צו קענען מחליט זיין ווי אזוי ממשיך צו זיין נאך אזא טראומאטישן פאסירונג. דער אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס האלטן זיך שטארק אויף דער זייט פון די איבערלעבערס דורך אנפירן 28 ביוראס פון קאמיוניטי גוואלד-טאטן וואס זענען אויך סערטיפייד צו צושטעלן גוואלד קריזיס פראגראמען, און מיר זענען שטאלץ אז זיי שטעלן צו הילף אין דער צייט ווען מ'דארף עס צום מערסטן. מיר קענען נישט גענוג דאנקען OVS פארן אננעמען דרייסטישע, ממשותדיגע אקציעס צו לאזן די איבערלעבערס וויסן אז מיר ווען קיינמאל נישט אויפהערן שטיצן זייער פיזישע און גייסטישע וואוילזיין."

**ניו יארק סטעיט אפיס פאר פארמיידן דאמעסטיק ווייאלענס עקזעקיוטיוו דירעקטארין קעלי אווענס האט געזאגט,** ״אסאך איבערלעבערס פארציילן נישט וועגן זייער געשלעכטליכע איבערפאל ביז יארן שפעטער פון ווען די אטאקע האט פאסירט. די זיכערע סטארעדזש פון SOECKs ערלויבט איבערלעבערס צו האבן די אינפארמאציע און צייט וואס זיי דארפן האבן מחליט צו זיין אויב זיי ווילן באריכטן צו דעם געזעץ היטער, אין דער צייט וואס זיי באקומען פיזישע און גייסטישע הילף וואס זיי דארפן. OPDV וויל אנערקענען OVS פארפליכטונג צו די קרבנות און קוקט פאראויס צו אונדזער אנגייענדיגע שותפות מפרסם זיין די ידיעה און צו צושטעלן עדיוקעישן וועגן דעם קיט סטארעדזש פראצעס."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע דיסאביליטי הילף קאמישאנער דניאל וו. טייטס האט געזאגט,** "צו אפט, די בלויזע טראומא פון א געשלעכטליכן איבערפאל קען איבערלאזן דעם איבערלעבער מיטן פראגע ווי אזוי אמבעסטן ווייטער אנצוגיין אין די נעקסטע טעג, מאנאטן, און טיילמאל אפילו יארן. די

פאסיליטי שטעלט צו א זיכערע, צענטרעליזירטע אפהיט-קאמער פאר געשלעכטליכע איבערפאל קיטס צו ווערן אוועקגעלייגט געהעריג, וואס גיט די איבערלעבערס צייט צו פראצעסירן זייער מיטמאכונג און צו דעצידירן איזב זיי ווילן אריינמישן די געזעץ היטער. אזוי ווי מיר צייכענען אפ די נאציאנאלע פארברעכעריי פון קרבנות רעכטן וואך, איז דער פאסיליטי א גוטע דוגמא ווי אזוי ניו יארק סטעיט און דער אפיס פון קרבן סערוויסעס לייגן די איבערלעבערס אויף דער פאדערשטע פאזיציע און פארזיכערן אז זיי האבן די רעסורסן צו ווערן געהאלפן אין זייער היילונג."

**די דירעקטארין פון פאליסי און דאס שטיצן אין דער פריידיגע הארץ פאונדעישן אילסע קנעכט האט געזאגט,** "איבערלעבערס פון געשלעכטליכע איבערפאל, נישט קיין חילוק וועלכע באריכט מהלך זיי נעמען, פארדינען צו האבן צוטריט צו אינפארמאציע וועגן ווי זייער קיט איז און האבן דעם צוטרוי אז עס ווערט געהיטן זיכערערהייט. אונדזער 2016 אויספארש, *נאוויגאציע אנזאג*, האט געפונען אז איבערלעבערס פילן א שטארקע בעלות אויף די מאטעריאל געזאמעלט בשעת זייער באזוך און האבן כסדר'דיגע 'לויטן-פארלאנג' אינפארמאציע וועגן דער סטאטוס פון זייער קיט קען העלפן איבערלעבערס מיט זייער היילונג פראצעס. די נייע פאסיליטי, די ערשטע פון דעם סארט אין לאנד, איז א ווערטפולע שריט פאר ניו יארק צו שאפן א טראומא-אינפארמירטע סיסטעם וואס מאכט די געברויכן פון איבערלעבערס און זייער היילונג, א פריאריטעט.

**אפטייל פון פארענזישע מעדיצין פראגראם פארוואלטערין אין אלבאני מעדיקל צענטער קיילין דאוסון ר.נ. האט געזאגט,** "אלבאני מעדיקל צענטער'ס עמערדזשענסי דעפארטמענט שטעלט צו פערסאנעל 7/24 ביי געשלעכטליכע איבערפאל פארענזישע עקזאמענירערס וואס זענען ספעציעל געבילדעט צו היילן פאציענטן וואס זענען געווארן געשלעכטליך איבערגעפאלן און צו זאמלען באווייז וואס קען העלפן פארמשפט'ן. א דאנק אין טייל פאר דער באווייז וואס מיר האבן געזאמעלט, האבן די פאציענטן אפציעס נאכדעם וואס זיי באקומען מעדיצינישע הילף, ווי אויך די אפציע נאכיאגן קרימענעלישע באשולדיגונגען דורך די יוסטיץ סיסטעם. מיר זענען דאנקבאר פאר דעם אפיס פון קרבן סערוויסעס פאר זייערע באמיאונגען צו פארמערן די צייט וואס אונדזערע פאציענטן האבן צו מאכן די זייער שווערע און פערזענלעכע החלטה און פאר העלפן אונדז איבערגעבן די וויכטיגע הודעה צו אונדזערע פאציענטן."

**געשלעכטליכע איבערפאל נורס עקזאמינירערין אין גלען פאלס שפיטאל נאדיא גיומארא האט געזאגט,** "דער באווייז וואס ווערט פארזיכטיגערהייט געזאמעלט דורך אונדזערע ספעציעל טרענירטע, מיטליידנדיגע פארענזישע עקזאמינירערס, פאדערט געהעריגע קעיר און באהאנדלונג כדי אנצוהאלטן די אינהאלט'ס גאנצקייט. מיר לויבן די ניו יארק סטעיט אפיס פון קרבן סערוויסעס פארן שאפן א פאסיליטי וואו אונדזערע פאציענטנס באווייז קיטס קען ווערן געהאלטן גאנצערהייט, זיכערערהייט און עפעקטיווערהייט. דער פראצעס וועט העלפן פארזיכערן אלע איבערלעבערס פון געשלעכטליכע איבערפאל אין גלען פאָלס און איבער ניו יארק סטעיט צו ערלויבן די צייט און דער קאנטראל צו מאכן די בעסטע החלטות פאר זיך."

די סטעיט אפטייל פון קרימינעלע יוסטיץ סערוויסעס ( Division of Criminal Justice Services, (DCJS) שטעלט צו סעקסועלע פארברעכן באווייז זאמעל קיטס, און דראג צוגעהאלפענע געשלעכטליכע איבערפאל קיטס, אומזיסט פאר שפיטעלער און מעדיקעל פאסיליטיס. DCJS, בשותפות מיט א מולטי-דיסציפלינארע שטאב פון פראפעסיאנאלן, האבן לעצטנס אמאנדירט די קיטס צו פארפשוט'ערן די באווייז זאמלונג פראצעס, דאס צו מאכן וויניגער אריינדרינגעוודיג און פארלענגערן די צייטרעם פון באקומען פארענזישע באווייז פון 96 שעה צו 120 שעה. DCJS מוז אויך פעסטשטעלן אן עלעקטראנישע סיסטעם וואס וועט ערלויבן איבערלעבערס צו טרעקן זייערע קיטספון דעם פונקט וואס זיי ווערן געזאמעלט פון די געזעץ-היטער ביז דערנאך וואס עס ווערט געשיקט צו א קרימינעלע לאבארעטאריע צו טעסטן. יענע סיסטעם ריכט זיך צו פונקציאנירן גענצלעך ביי 2025.

דער אפיס פון קרבן סערוויסעס צאלט אויך דירעקט צוריק פאר מעדיצינישע פראפעסיאנאלן פאר די קאסטן פון דורכפירן א פארענזישע באלעסטיגונג אונטערזוכונג (forensic rape exam, FRE) אויב א מענטש האט נישט קיין פריוואטע העלט אינשורענס אדער וויל נישט נוצן זייער פריוואטע העלט קעיר אינשורענס פאר די אונטערזוכונג. די מאסנאם איז אן אויסנאם צו די כלל אז די אגענטור צאלט נאר אויב עס איז די לעצטע ברירה, און עס העלפט היטן אויף די פערזענליכע פריוואטקייט פון די קורבנות. דער אפיס פון קרבן סערוויסעס נעמט אויך אן FRE קלעימס אנשטאט פאליציי באריכטן, וואס ערמעגלעכט מענטשן זיך צו ווענדן פאר פינאנציעלע הילף און פארגוטיגונג פון די OVS פאר אנדערע אויסגאבן אין פארבינדונג צו די פארברעכן.

OVS פינאנצירט און שטיצט 239 קורבנות הילף פראגראמען איבערן סטעיט וועלכע שטעלן צו קריטישע סערוויסעס, ווי צום ביישפיל קריזיס קאונסעלינג, שטיצע גרופעס, קעיס מענעדזשמענט, עמערדזשענסי שעלטער, ציווילע לעגאלע הילף און הילף זיך צו אריבערציהען צו א נייעם פלאץ – צווישן אנדערע סארטן הילף – פאר קורבנות און איבערלעבער פון א געשלעכטליכע איבערפאל און אנדערע פארברעכנס און זייערע פאמיליעס. מענטשן קענען באזוכן ovs.ny.gov/connect צו טרעפן די פראגראמען וועלכע שטעלן צו סערוויסעס אומזיסט און ניש קוקנדיג אויב א מענטש האט באריכטעט די פארברעכן צו די פאליציי אדער נישט. ניו יארק סטעיט'ס משפחה און געשלעכטליכע איבערפאל האַטליין איז אפן פאר קאנפידענטשעל שטיצע און שתדלנות 7/24 אויף: 800-942-6906 (צו רעדן), 844-997-2121 (טעקסט) און אויף opdv.ny.gov (שמועסן).

###